בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

תזריע מצורע
ה' אייר תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:44 |
| מוצש"ק | 8:01 |
| ר"ת | 8:38 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:24 | סוז"ת א' | 9:48 |
| סוזק"ש ב' | 9:11 | סוז"ת ב' | 10:19 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קל"ב
שנה ג'

## טיב הפרשה

# א דערמאנונג פון הימל

## כי יהיה בו נגע צרעת

די וואך וועט כלל ישראל ליינען אין די תורה צוויי פרשה'ס, די פרשה פון תזריע און די פרשה פון מצורע.

ביידע פרשה'ס רעדן זיך וועגן די נגעים וועלכע קומען אויף א מענטש, אין די פרשה פון תזריע שטייט וועגן די נגעים וואס קומען אויף די מענטשליכע קערפער און אויף זיינע קליידער, אין די פרשה פון מצורע שטייט געשריבן וועגן די נגעי בתים.

מיר ווייסן אז געווענליך איז אין מוקדם ומאוחר בתורה, אז די סדר מאכט נישט אויס, אבער דער זוה"ק זאגט אז דער סדר ווי אזוי די תוה"ק שרייבט די נגעים איז מיט חשבון - עס לערנט אויס דעם מענטש די דרכי הנהגה פון הקב"ה מיט א איד.

די מטרה פון די נגעים איז צו דערוועקן דעם איד ער זאל זיך פארבעסערן אין עבודת ה', אז ער זאל זיך דערמאנען אז ער איז דא אויף די וועלט מיט א ציל, מיט א תכלית.

דער רבוש"ע פירט זיך מיט א איד בחסד. ער זוכט נישט מַעֲנִיש צו זיין א איד, אבער ווען ער זעט אז א איד פירט זיך נישט כהוגן נאר ער פירט זיך בשרירות לבו, ער פארגעסט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, א מנהיג לבירה, ער ווערט פארבלענדעט אין זיין כוחי ועוצם ידי, אדער נאכגעשלעפט נאך די תאוות עולם הזה, שיקט ער אים אונטער דערמאנונגען ער זאל זיך דערמאנען אז ער איז נישט דא אויף די וועלט צו מאכן א לעבן, אז מען האט אים אראפגעשיקט אויף די וועלט מיט א שליחות און אז אין הימל וואַרט מען און מען קוקט ארויס ער זאל ממלא זיין די שליחות.

אין אנהייב וועט הקב"ה שיקן א קליינע דערמאנונג, א גרינגע צער, אז דער מענטש זאל זיך אויפוועקן פון איר, מען האפט אז ער וועט כאפן דעם רמז, נאר אז הקב"ה זעט אז דער מענטש איז ממשיך צו שלאפן, אז ער כאפט נישט דעם רמז, שיקט ער אים אונטער גרעסערע און דיקערע רמזים ביז דער מענטש וועט זיך מער נישט קענען פארהוילן פון איר און דערוועקט זיך צו עבודת ה'.

די סדר זעט מען אין די פרשה פון די נגעים, ווייל אויך די נגעים זענען שלוחים צו דערמאנען דעם מענטש איבער זיינע חטאים און איבער די תפקיד וועגן וואס מען איז אראפ אויף די וועלט און אויך דא גייט עס מיט שטאפלען.

אין אנהייב איז עס א גרינגע דערמאנונג, מען הייבט אן מיט לייכטע זאכן, די רמזים זענען מילדע, אבער אויב דער מענטש דערוועקט זיך נישט וועלן די רמזים זיין גרעסערע און שטערקערע ביז ווען דער מענטש וועט זיך מער נישט קענען פארהוילן פון איר.

דער ערשטער נגע איז אויף די מענטשליכע קערפער.

דער נגע איז דער גרינגסטער ווייל דער מענטש קען עס באהאלטן אונטער זיינע קליידער, קיין איינער זעט עס נישט, די בזיונות איז נישט אזוי גרויס, אבער אויב דער מענטש דערוועקט זיך נישט פון דעם קומט צוגיין די גרעסערע סארט - דער נגע קומט ארויף אויף די קליידער.

ווען דער נגע איז אויף די קליידער קען מען מער נישט באהאלטן דער נגע, יעדער זעט עס, אבער אויך

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# וְשָׁב הַכֹּהֵן

שרייבט דער הייליגער מאור עינים וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: כִּי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב נבג"מ [=נִשְׁמָתוֹ בְּגִנְזֵי מְרוֹמִים] אָמַר שֶׁהַצַּדִּיק הַגָּמוּר שֶׁאֵין רַע בְּקִרְבּוֹ אֵין רוֹאֶה שׁוּם רַע עַל שׁוּם אָדָם, אַךְ מִי שֶׁרוֹאֶה שׁוּם רַע בַּחֲבֵרוֹ הָעִנְיָן הוּא, כְּמוֹ שֶׁמִּסְתַּכֵּל בַּמַּרְאָה אִם פָּנָיו מְטֻנָּפִין רוֹאֶה גַּם כֵּן בַּמַּרְאָה כָּךְ, וְאִם פָּנָיו נְקִיִּים אֵינוֹ רוֹאֶה בַּמַּרְאָה שׁוּם דֹּפִי, כְּמוֹ שֶׁהוּא כָּךְ רוֹאֶה. ע"כ לשון קדשו.

אזוי ווערט דערציילט אויף דער הייליגער בעל שם טוב זעלבסט, אז אמאל האט ער געזען אין פארנט פון זיינע אויגן א חילול שבת, און ער האט געהאט דערפון גרויס חלישות הדעת, וויבאלד דאס איז ביי אים געווען קלאר לשיטתו, אז אויב איינער זעט עפעס א חִסָּרוֹן אין זיין חבר, איז דאס א צייכן אז אויך ער אליין איז געשלאגן אינעם זעלבן חסרון, און ער האט דעריבער זייער מורא געהאט, טאמער האט ער זעלבסט עובר געווען אויף א חילול שבת אומווילנדיג – ביז ער האט זיך דערמאנט אז איינמאל האט ער געזען ווי איינער געבט א פראסק פאר א תלמיד חכם, און צוליב עפעס א סיבה איז אים נישט געלונגען צו מוחה זיין אין אים, און א תלמיד חכם איז דאך "בבחינת שבת", דעריבער ווערט א **מְבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם** פאררעכנט ווי א **מְחַלֵּל שַׁבָּת**, און וויבאלד ער האט נישט מוחה געווען אין אים ווערט עס גערעכנט אויך פאר אים ווי א פגם פון חילול שבת, און טראצדעם וואס ער איז נישט געווען שולדיג אין דאס וואס ער האט נישט מוחה געווען, פונדעסטוועגן איז דאס גערעכנט געווארן ווי א פגם לויטן הויכן מדריגה פונעם הייליגן בעל שם טוב. און ווען ער האט זיך דערמאנט דערפון, האט ער אנגעהאנגען דאס וואס ער האט געזען אינעם אויבנדערמאנטן פגם, און ער האט פארשטאנען אז מען האט אים געוואלט מעורר זיין צו תשובה דערויף.

אט דער ענין איז אויך מרומז אין די וואכעדיגע פרשה, וואו עס ווערן געברענגט אלע דינים פון די נגעים, צווישן זיי די דינים פון נִגְעֵי בָּתִּים, וואס דער דין איז אז מען דארף מאכן צוויי מאל הֶסְגֵּר, און נאכן ערשטן הֶסְגֵּר, ווען דער כהן דארף קומען זען דעם הויז, זאגט די הייליגע תורה 'וְשָׁב הַכֹּהֵן', און נאכן צווייטן הֶסְגֵּר זאגט די הייליגע תורה 'וּבָא הַכֹּהֵן', און אזוי ווערט אויך די גאנצע פרשה געזאגט מיטן לשון פון 'בא', סיי ווען דער בעל הבית קומט צו דער כהן, און סיי אנבאלאנגט דער דין פון די וועלכע פארזוימען זיך אינעם הויז אין די טעג פונעם הסגר, און אייגנטליך וואלט מען געדארפט פארשטיין פארוואס דער פסוק טוישט דעם לשון ביים ערשטן מאל און זאגט דעם לשון 'וְשָׁב' און נישט 'וּבָא'?

קען מען זאגן, אז די תורה הקדושה וויל דא מרמז זיין פארן כהן, אז וויבאלד ער האט געזען א נגע איז ער מסתמא אויך געשלאגן מיטן זינד וואס איז גורם נגעים, ווייל אויב וואלט נישט אזוי געווען, וואלט מען אים נישט געוויזן קיין פגם אין אן אנדערן, און דעריבער ביים ערשטן מאל ווען דער הויז איז נאכנישט געווארן טָמֵא מֻחְלָט, דארף ער זיך מעורר זיין צו תשובה, און מעגליך וועט דער נגע דערנאך בטל ווערן, וויבאלד ער איז שוין מער נישט געשלאגן אין דעם, און דעריבער שטייט ביי אים דער לשון פון 'וְשָׁב', א לשון פון תשובה.

(עפ"י אחד השיחות של רבינו)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דער נגע איז גרינגער ווי די נגעי בתים - ווייל ביי דעם נגע האט ער נאך א וועג ארויס, ער קען זיך צוריקהאלטן פון גיין צווישן מענטשן, אבער ווען דאס דערמאנט אים נישט - קומט צוגיין די העכסטע שטאפל פון נגעים און דאס איז די נגעי בתים - אין דער שטוב פון דעם מענטש, און דאס זעט שוין יעדער איינער און מען קען עס מער נישט באהאלטן פון קיין איינעם - די בזיונות פון איר איז זייער גרויס.

די שטאפלען פון די נגע איז אויך דא ביי די נגע אליין. גלייך ווען א מענטש זעט א נגע אויף זיך קען ער נאך בלייבן ביי זיך אין שטוב, ער דארף נאכנישט גיין מחוץ למחנה, ער האט אפאר טעג ווען ער קען זיך מתבונן זיין בינו לבין קונו און דערגיין פארוואס דער נגע קומט אים.

אין יענע 'הסגר' טעג, אויב וועט ער זיך דערוועקן און פארשטיין פארוואס עס קומט אים און תשובה טון אויף איר כראוי וכיאות וועט דער נגע אוועקגיין און ער וועט זיך קענען צוריקקערן צו זיך אין שטוב און אנגיין מיט'ן לעבן, אבער אויב דער נגע וועט אים נישט דערוועקן און ער וועט בלייבן מיט זיינע זינד וועט דער סוף זיין אז מען וועט אים מוזן דערווייטערן פון זיין מחנה און ווייטער פון אלע דריי מחנות.

דער זוה"ק זאגט דער געדאנק ביי די נגעים, אבער דער אמת איז אז עס איז אויך דא ביי יעדער אנדערע זאך. ווען עס באטרעפט א איד א קליינער ווייטאג, אַן עגמת נפש, דארף דער מענטש פארשטיין און דערהערן אז די מעשה איז א רמז און גלייך מפשפש זיין במעשים ווייל אויב ער כאפט זיך נישט גלייך קען חלילה קומען א גרעסערע און א ווייטאגליכע דערמאנונג, ביז ווען ער וועט זיך אינגאנצן אויפוועקן פון זיין שלאף.

מען דערציילט אז דער סדר ביי דער גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל איז געווען, אז טאג טעגליך פלעגט די רעביצין אויפקאכן פאר אים די מילעך אז דער גאון זאל האבן צופרי אווארעמע גלעזל מילעך און זיך קענען דערפרישן מיט איר.

איין טאג האט די רעביצין פארגעסן צו פארלעשן די מילעך באצייטנס און עס איז איבערגעלאפן און זיך אויסגעגאסן.

א צובראכענער און א פארצווייפעלטער איז די רעביצין געקומען דערציילן פאר איר מאן איבער די פאסירונג. בימים ההם ווען די עניות איז געווען אזוי גרויס, איז נישט געווען די מעגליכקייט צו פארשאפן אנדערע מילעך, אויב דו האסט דערלייגט די מילעך האסטו נישט געהאט פון וואו צונעמען קיין אנדערע מילעך.

ווען דער גאון האט דאס געהערט איז ער געווארן אויפגעציטערט און אנגעהויבן מאכן א חשבון הנפש פארוואס האט אים באטראפן אזא זאך.

נאך אביסל התבוננות האט ער זיך דערמאנט אז ער האט זיך געזוימט ביים מעשר'ן דאס געלט וואס ער האט באקומען א טאג פריער.

ער האט מתקן געווען דעם פגם און זיך בארואיגט, דער צדיק האט פארשטאנען אז די געשעעניש האט נישט פאסירט סתם אזוי, עס איז נישט דא קיין 'צופאלן', נאר יעדער געשעעניש איז א רמז פון הימל אים צו דערמאנען און צו דערוועקן ער זאל מתקן זיין זיינע וועגן און אז ער וועט גלייך דערהערן דעם מעסעדזש וועט ער ניצול ווערן פון גרעסערע עונשים.

ענליך צו דעם דערציילט מען א מעשה וואס איז געווען ביי דער גערער רבי דער בעל אמרי אמת זי"ע. עס האט זיך אמאל געמאכט אז אין שטוב איז געווען א גרויסע געדרענג און די חסידים האבן זיך זייער געשטופט און עס האט זיך צובראכן א טייערע קריסטאלענע פלאש. דער אמרי אמת איז געווען אויסערזיך פון צער און נישט געקענט קומען צו זיך.

איינער פון די חסידים, זעענדיג ווי דער רבי איז אזוי בצער, האט זיך אנגערופן צום רבי'ן אז ער נעמט אויף זיך צו קויפן פאר'ן רבי'ן א שענערע פלאש.

דער גערער רבי האט געגעבן צו פארשטיין פאר'ן חסיד אז נישט די שאדן טוט אים וויי, נאר ער איז מפשפש במעשיו ווייל עס קען נישט זיין אז אזא זאך האט פאסירט אומזיסט - עס איז זיכער א רמז פון הימל אז עפעס איז נישט כשורה און ער דארף עס פארבעסערן.

מיט אזא בליק האבן צדיקים אנגעקוקט יעדע געשעעניש אויף די וועלט.

ווען עס האט פאסירט ביי זיי אין שטוב א זאך, אפילו א קליינע זאך, האבן זיי גלייך פארשטאנען אז דאס איז א רמז פון הימל און אויב מען וויל פארמיידן עס זאל נישט קומען קיין גרעסערע זאכן מוז מען זיך גלייך פארבעסערן און זוכן בְּשֶׁל מַה הָרָעָה הַזֹּאת און עס מתקן זיין גלייך און אפשטעלן די רע - ווייל קיין איין זאך אין די וועלט געשעעט נישט סתם אזוי, אלעס האט א חשבון און אלעס איז א שליח מלמעלה צו דערוועקן דעם מענטש צו תיקון המעשים און צו דער צוועק פארוואס ער איז דא אראפגעקומען אויף דעם עולם.

דעם געדאנק דארפן מיר אריינעמען ביי אונז און עס מיטלעבן און געדענקן אז הקב"ה זוכט נישט מַעֲנִישׁ צו זיין און אז יעדע שלעכטס איז א דערמאנונג אז מיר זאלן פארבעסערן אונזערע מעשים אויף דעם עולם.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

**געשריבן דורך לייענערס**

## עובד עצות

פאר לאנגע יארן שטיי איך בראש פון א קליינער ביזנעס. אז דער ביזנעס זאל קלאפן פאדערט זיך אז איך זאל נעמען דרויסענדיגע הילף און איך האב אייביג געהאט ארבעטער וואס העלפן מיר צו מיט די ארבעט.

די ארבעטער זענען פיינע ארבעטער, אבער איין טאג האט מיין ארבעטער באשלאסן אז ער פארלאזט דאס ארבעט און מיר געלאזט אליין מיט איין ארבעטער. איך האב זיך געטרייסט אז איך וועל שוין טרעפן א צווייטן און אז ביזדערווייל וועל איך און מיין ארבעטער דארפן ארבעטן שווערע, אבער ווען דער צווייטער ארבעטער האט מיר געמאלדן אז ער ציט זיך אריבער צו א צווייטע שטאט און ער וועט אויך פארלאזן די ארבעט - בין איך געווארן אויס מענטש.

איך האב זיך געטראפן אין איין טאג אן קיין ארבעטער און די גאנצע לאסט פון די ארבעט איז געפאלן אויף מיר. אין יענע טעג האב איך געארבעט פון צופרי ביז ביינאכט און אויך געפירט די געשעפט און פארקויפט סחורה און געהאנדלט מיט קליענטן, ווען איך האב געהאט אן איבריגע מינוט האב איך געזוכט נייע ארבעטער אבער דערווייל אן ערפאלג, איך האב נישט געטראפן קיין ערזאץ צו די ארבעטער.

איין טאג, שפירנדיג ווי כ'ברעך אונטער פון די ארבעט, בין איך געגאנגען אין א זייט און זיך אנגעהויבן בעטן ביי הקב"ה ער זאל מיר העלפן. איך האב גענומען די תפילה ערנסט, איך האב פארלאשן די טעלעפאן, און אנדערע זייטיגע זאכן וואס וואלטן צוגערויבט מיין קאנצענטראציע, און שופך שיח געווען פאר הקב"ה.

עס איז אריבער א קורצע צייט פון מיין הייסע תפילה, איך האב צוריק אנגעצינדן מיין טעלעפאן און מיין ווייב קלינגט מיר אריין.

זי זאגט מיר אז עס איז איר יעצט איינגעפאלן אויף אן ארט וואו איך קען טרעפן גוטע ארבעטער.

זי האט מיר דערמאנט אז א שטיק צייט צוריק האב איך געהאט א שיעור אין א געוויסער ארט און דארט האב איך זיך באגעגנט מיט אסאך מענטשן און אפשר וועל איך דארט טרעפן ארבעטער.

איך האב אנגענומען די עצה, איך בין אריבער צו יענער ארט און באגעגנט עטליכע פון מיינע באקאנטע.

רעדנדיג מיט איינער פון זיי איבער די פרנסה צושטאנד דערציילט מיר דער איד אז מארגן האט ער א דזשאב אינטערוויו אין א פירמע. איך האב אים געפרעגט אין וועלכער געביט און ער דערציילט מיר אז די אפפער איז אין די זעלבע געביט וואו איך ארבעט.

הערנדיג דאס האב איך אים געזאגט אז איך זוך ארבעטער און געפרעגט צי ער וויל קומען ארבעטן פאר מיר.

אויפ'ן ארט האט ער געגעבן זיין צושטימונג און פארשפראכן צו ברענגען אנדערע ארבעטער.

די ביזנעס איז צוריק אריין אין שוואונג און ברוך ה' אז פון דאן האב איך גענוג ארבעטער און אלעס איז צוריק אויף איר פריערדיגער ארט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ג.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# הרה"ק רבי משה קאברינער זצוק"ל

**לכבוד דער יומא דהלולא רבא פון הרה"ק רבי משה [בהר"ר ישראל אליעזר] קאברינער זצוק"ל [כ"ט ניסן תרי"ח לפ"ק], טוען מיר פאַרלייגן פאר אייך א זאמלונג פון 'טיב המעשיות' איבער אט דער געוואלדיגער צדיק וועלכער איז געווען פון די ערשטע דורות פון די גדולי החסידות. – צוזאמגעקליבן פון די ספרים און שיעורים פון מרן רבינו שליט"א וואס ער האט איבערגעגעבן אין פארשידענע געלעגנהייטן.**

**זכותו תגן עלינו ועל כל ישראל – אמן**

אין **פרקי אבות** פונעם יעצטיגן שבת קודש (פרק שני ביים סוף פון משנה ד') שטייט ווי פאלגנד: "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה".

האט דער **בעל ההילולא, הרה"ק רבי משה קאברינער זי"ע** ערקלערט, אז דער פשט איז אזוי – מעגליך וויל מען טאקע דאס פון דיר, ווענדיג אז דו זאלסט דינען דעם אויבערשטן מיטן ענין פון 'לא תפנה', דאס מיינט אז דו זאלסט לערנען ווען דו האסט נישט קיין צייט דערצו, און דאס איז טאקע דער תכלית וואס מען וויל יעצט פון דיר, אז דו זאלסט דיך מתגבר זיין אנטקעגן אלע שטערונגען וועלכע לאזן דיר נישט ווערן פריי און זיך זעצן לערנען אזוי ווי עס דארף צו זיין.

און דעריבער זאלסטו נישט ווארטן און זאלסט דיך נישט פארזוימען מיט פארשידענע תירוצים, זאגנדיג 'לִכְשֶׁאֶפְּנֶה אֶשְׁנֶה', א.ד.ג., ווייל דאס גופא איז דער רצון השם, אז מען זאל אים דינען מיט די עבודה פון 'לֹא תִפָּנֶה', דווקא מיט שוועריגקייטן און נסיונות און די שרעקליכע פינסטערניש פון עקבתא דמשיחא, און דערמיט וועסטו ברענגען נחת רוח פארן הייליגן באשעפער.

• • •

איינמאל איז אריינגעקומען צו אים איינער פון זיינע חסידים, וועלכער איז געווען א גרויסער עושר און איז געווארן א 'יורד' רח"ל, און האט געבעטן א ברכה אז ער זאל זיך צוריקקערן צו זיין רייכקייט. האט דער רבי געזאגט צו אים: ווי עס זעט אויס, איז דער יעצטיגער מצב, וואס דו ביסט אן עָנִי וְאֶבְיוֹן, מער נוֹשֵׂא חֵן אין די אויגן פון השי"ת, ווי דיין מצב ווען דו ביסט געווען אן עושר! וויבאלד 'קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב' (תהלים לד, יט). – דעריבער זאלסטו אויסנוצן די מעלה פון ארימקייט, וואס טוט צוברענגען דעם מענטש צו שִׁבְרוֹן לֵב און קִרְבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

צו אן אנדער חסיד, וועלכער האט אויסגעגאסן פאר אים זיין ביטער הארץ איבער זיין שווערן מצב ברוחניות ובגשמיות, און פון זיינע ווערטער האט זיך ארויסגעהערט א סארט 'יאוש', עצבות און אזוי ווי ער האט נישט קיין האפענונג, סיי אנבאלאנגט דער גוף און סיי אנבאלאנגט די נשמה. – האט אים דער רבי געזאגט, אז ווי עס זעט אויס, האט ער נאכנישט באטראטן דער שוועל פון חסידות!

וויבאלד איינס פון די יסודות פון די חסידים, איז דאך די שמחה אין עבודת השם, כידוע, אז מען זאל זיין גליקליך און שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, **אויך אנבאלאנגט רוחניות!** און מען זאל זיין פארזיכערט און גלייבן אין די הנהגה פון השם יתברך אז אלעס וואס ער טוט איז פאר אונזער גוטס.

[אזוי ווי דער **הייליגער קאמארנער זצוק"ל** איז מאריך אין ספה"ק **היכל הברכה** (אוצר החיים פרשת בחוקותי, מצוה שנ"ו, משרשי המצוה בתוה"ד), מיט געהויבענע ווערטער, אויף ווי ווייט מען דארף אויפהייבן און שעצן יעדע עבודה און מעשה וואס דער מענטש טוט, און זיך פרייען מיט די מדריגה וואס מען פארמאגט, כָּל אֶחָד לְפוּם דַּרְגָּא דִּילֵיהּ. וזה לשון קדשו: "מָצָאתִי כְּתַב **הָרַב רַבֵּינוּ מְנַחֵם מֶנְדִּיל** (מֵרִימְנוּב), תְּשׁוּבָה כּוֹלֶלֶת בְּעֵסֶק הָעֲבוֹדָה, אֲשֶׁר רַבִּים צוֹעֲקִים עַל הַמַּחְשָׁבוֹת הַזָּרוֹת. – וְהִתְהַוּוּת הַסִּבָּה הוּא הַגַּדְלוּת שֶׁבָּהֶם, שֶׁאֵינָם שְׂמֵחִים בַּעֲבוֹדָתָם, שֶׁזָּכוּ לִהְיוֹת מֵאוֹמְרֵי שִׁיר לִפְנֵי אֲדוֹן כֹּל וכו'. אֲבָל לֹא דַּי לָהֶם בָּזֶה, כִּי אִם גְּדוֹלוֹת וְנִפְלָאוֹת. כִּי הִנֵּה אִיתָא לִהְיוֹת 'שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ', גַּם בְּעֵסֶק הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת, אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה. וְיִשְׂמַח שִׂמְחָה רַבָּה עַל שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת יְהוּדִי, וְיִשְׁתַּתֵּף נַפְשׁוֹ עִם כָּל הֲמוֹן יִשְׂרָאֵל בֶּאֱמֶת וּבְלֵב תָּמִים, וְלֹא יְבַקֵּשׁ גְּדֻלָּה. – אֲזַי יֵלֵךְ בְּהַכְנָעָה גְּדוֹלָה מֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם, וְיֵהָנֶה וְיִשְׂמַח מֵאוֹרוֹ יִתְבָּרֵךְ".

"מַה שֶּׁאֵין כֵּן אִם אֵינוֹ נֶהֱנֶה וְשָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, אֲזַי יִדָּחֶה מִכֹּל וָכֹל. וְאַף שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה גְּדוֹלָה, בְּקַל יָכוֹל כָּל אָדָם לָבוֹא לָזֶה, אִם תְּבַקְשֶׁנּוּ כַּכֶּסֶף אָז תָּבִין. – וְכָל הַמַּחְשָׁבוֹת רָעוֹת הוּא מִפְּנֵי שֶׁאֵינוֹ שָׂמֵחַ בַּעֲבוֹדָתוֹ, וְרוֹצֶה בִּגְדֵלוֹת מִמֶּנּוּ. וְאוֹתוֹ הַמַּדְרֵגָה שֶׁהוּא עוֹמֵד בָּהּ, מְפַתֵּהוּ הַיֵּצֶר שֶׁזֶּה אֵינוֹ כְלוּם, מַה לְּךָ לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה עַל כָּל פָּנִים לְהָבִין פֵּרוּשׁ הַמִּילוֹת, שֶׁתְּפִלָּה כָּזֹאת אֵינוֹ כְלוּם, אֶלָּא לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת וּבְהִתְפַּשְּׁטוּת וּבְהִתְלַהֲבוּת, וְנוֹתֵן לוֹ יֵאוּשׁ בְּלִבּוֹ, עַד שֶׁמַּדְחֵהוּ מִכֹּל וָכֹל, וְכֵן לְעִנְיַן הַתּוֹרָה וּמִצְווֹת. וּכְשֶׁרוֹצֶה דַּוְקָא בִּגְדוֹלוֹת, אֲזַי שׁוֹלְחִין לוֹ מַחֲשָׁבָה וְדוֹחִין אוֹתוֹ לַחוּץ".

"וְכָל אָדָם צָרִיךְ לִשְׂמוֹחַ בְּמַדְרֵגָה שֶׁהוּא עוֹמֵד בּוֹ, וְלֹא יֹאמַר מָה אֲנִי סָפוּן וְחָשׁוּב בִּתְפִלָּתִי שֶׁהִיא בְּלֹא אַהֲבָה וְיִרְאָה, וְכֵן תּוֹרָתִי. – אַל יֹאמַר כֵּן, אֶלָּא יִשְׁתַּתֵּף עַצְמוֹ עִם כָּל חַי, וּבִפְרָט עִם כָּל הֲמוֹן יִשְׂרָאֵל וכו'".

פירט דארט אויס דער הייליגער קאמארנער זי"ע זיינע ווערטער מיט פייערדיגע רייד, ווי פאלגנד, וזה לשון קדשו: "וְאַתָּה בְּנִי חוּס עַל נַפְשְׁךָ, וַחֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּתְפִלָּה כְּפִי הַמַּדְרֵגָה אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד בָּהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתַבְנוּ לְמַעְלָה מִדִּבְרֵי **מָרָן הַבַּעַשׁ"ט וְרַבֵּנוּ מְנַחֵם מֶענְדִּיל תַּלְמִידוֹ**, בְּתוֹסֶפֶת טוֹעֵם מִשֶּׁלָּנוּ. **וּכְפִי אֲשֶׁר קִבַּלְתִּי מִשְּׁמֹנָה עָשָׂר צַדִּיקִים בַּעֲלֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁשִּׁמַּשְׁתִּי אוֹתָם וּבְרֹאשָׁם מוֹרִי רַבֵּינוּ דּוֹדִי** (הרה"ק רבי צבי הירש זידיטשובער) וכו'", עכל"ק].

און אין אט די אמונה און שמחה וואס ער פריידט זיך מיט זיין טייל, איז נישטא קיין שום סתירה צו דאס וואס מען דארף מתפלל זיין און בעטן אויף יעדער זאך, וְאֵין כָּאן הַמָּקוֹם לְהַאֲרִיךְ. אזוי ווי עס איז באוואוסט א קלוגע ווארט – אז אנשטאט דערציילן פארן באשעפער דיינע צרות, דערצייל פאר די צרות אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט! וְתֵן לְחָכָם וַיֶּחְכַּם.

• • •

הרה"ק **רבי משה קאברינער זצוק"ל**, אז ווען ער איז זיך מתבונן אין די טעג פון זיין לעבן, געפינט ער צווישן זיי פילע 'קליינע' און 'פינסטערע' טעג, וואס ווערן אנגערופן טעג פון 'קַטְנוּת הַמּוֹחִין'. אבער פון די אנדערע זייט זענען אויך געווען פילע 'גרויסע' און 'ליכטיגע' טעג, וואס ווערן אנגערופן טעג פון 'גַּדְלוּת הַמּוֹחִין'.

אבער ווען ער איז זיך גוט מתבונן אינעם עוֹמֶק הָעֲבוֹדָה, טוט ער אנטפלעקן אז אט די 'קליינע טעג' זענען מער חשוב און דערהויבן, וויבאלד צוליב דעם וואס דעמאלטס האט ער געדינט דעם אויבערשטן און האט זיך געפלאגט דערין מיט מסירות נפש, האט ער אין די נידעריגע טעג מגלה געווען ביי זיך מער עבודה און פלאג. דעריבער קומט אויס אז אט די טעג זענען אין אמת'ן די גרויסע און געהויבענע טעג, וועלכע האבן אים גרויס געמאכט און דערהויבן, אבער די אנדערע טעג וואס ער האט געמיינט אז זיי זענען גרויסע טעג, זענען אייגנטליך די קלענערע טעג...

• • •

הרה"ק **רבי משה קאברינער זצוק"ל** האט אמאל געזען אין א זומער טאג, ווי איינער פארדעכט דער פענסטער פון זיין הויז וועלכער האט זיך צובראכן, און דערביי האט דער מענטש ערקלערט אז ער פארדעכט יעצט דעם פענסטער צוליב די ווינטער טעג, כדי זיין הויז זאל באשיצט ווערן פון קעלט און פון רעגן, און דורכדעם וואס דער פענסטער וועט זיין גאנץ, וועט דער הויז זיין ווארעם און טרוקן.

האט אים דער רבי גע'מוסר'ט און געזאגט: איך פארשטיי נישט, זייער גוט אז מען פארדעכט דעם פענסטער אין ווינטער פארן ווינטער, דאס קען איך נאך פארשטיין, אבער פארוואס זאל מען זיך מוטשען אין די זומער טעג, צו פארדעכטן א פענסטער, וואס עס פעלט נאר אויס פארן ווינטער, אינדערצייט וואס מיר האפן דאך מיטן גאנצן הארץ אז אינגיכן וועט משיח צדקנו קומען און אונז ברענגען צו אונזער לאנד און צו אונזער נחלה.

• • •

דער שווער פון הרה"ק בעל **"יסוד העבודה" פון סלאנים זצוק"ל**, איז געווען **הרה"ח מוהר"ר דוד זעלצער זצ"ל**, דערפאר וואס ער האט זיך באשעפטיגט מיט זאלץ־האנדל.

פלעגן די סלאנימער חסידים אין טְבֶרְיָה שֶׁל מַעְלָה דערציילן: מיט וואס האט רבי דוד זעלצער זוכה געווען צו אזא געוואלדיגער און געהויבענער חתן?

וויבאלד רבי דוד האט געהאט א געשעפט ווי ער האט פארקויפט זאלץ אין זיין קליינעם שטעטל, און אין א טאג האט זיך געעפנט ממש נאנט צו אים, נאך א געשעפט וואס האט פארקויפט זאלץ. דאס וואלט געווען א שטארקער בראך פאר די הצלחה פון זיינע געשעפטן.

האט זיך רבי דוד אויפגעהויבן און איז געפארן צו זיין זיין הייליגער רבי, **הרה"ק מקאברין זצוק"ל**, און דערלאנגט א פ"ן [=פדיון־נפש] מיט א קוויטל, ווי ער האט זיך געבעטן אז זיין אמונה זאל חלילה נישט אפגעשוואכט ווערן דורכן עפענונג פון די געשעפט, נאר ער זאל ווייטער האבן בטחון מיטן גאנצן הארץ, און זיין פארזיכערט אז די גאנצע פרנסה איז נאר מִן הַשָּׁמַיִם.

האט אים דער רבי געגעבן זיין הייליגע ברכה, אז עס זאל חלילה נישט צושטערט ווערן זיין אמונה און נישט זיין פרנסה.

אויפן וועג צוריק צו זיין שטאט האט ער געמאכט א חשבון הנפש, און געטראכט האט ער צו זיך מיט ווייטאג – פארוואס האט ער נאר געבעטן אז זיין אמונה זאל חלילה נישט צושטערט ווערן, אינדערצייט וואס ער וואלט געדארפט בעטן נאכמער, אז ער זאל אויך זיין בשמחה דערפון וואס נאך א איד האט פרנסה, ברוך השם! וויבאלד דאס נעמט דאך גארנישט אוועק פון זיין אייגענע פרנסה.

דעריבער האט ער זיך צוריקגעקערט צום רבי'ן, און

המשך אין עמוד ד' >|

פאַרגעלייגט זיין בקשה פונדאסניי... און דער רבי האט אים געגעבן זיין ברכה לויט זיין נייע פארלאנג.

אנקומענדיג צוריק אהיים, איז ער איין טאג צוגעגאנגען צום שכן פונעם נייעם געשעפט, און אים אויסגעלערנט פון זיין אייגענע לאנגיעריגע ערפארונג אלע געהיימניסן וויאזוי מען מאכט זאלץ אויפן בעסטן וועג, און האט זיך זייער געפריידט מיט די הצלחה פון זיין חבר, וואס ברוך השם האט נאך א איד פרנסה ברווח!

**יעצט פארשטייט מען שוין פארוואס ער האט זוכה געווען אז זיין טאכטער האט באקומען אזא געהויבענער חתן...**

•••

עס ווערט דערציילט אויפן הייליגער **בית הלוי פון בריסק זצוק"ל**, וועלכער איז געווען אן איידעם פון איינער פון די חסידים פון **הרה"ק רבי משה קאברינער זי"ע**, הגאון **רבי יצחק עפרון פון איווניץ**, [באקאנט אלץ 'רבי איטשע פייביש'ס'] זצ"ל.

איינמאל האט זיך דער רבי אויפגעהאלטן פאר עטליכע טעג אינעם הויז פון זיין חסיד רבי יצחק, און אויך דער בית הלוי האט דעמאלטס געגעסן קעסט ביי זיין שווער.

אין יענער צייט איז דער בית הלוי געווען באשעפטיגט נאר מיט די הייליגע תורה, און זיין שווער האט אויפגעבויט פאר אים אין אווינקל פון זיין פאלאץ א זייטיגער און שטילער 'חדר מיוחד' וואו זיין איידעם איז געזעצן און אליין געלערנט טאג און נאכט, און איז כמעט נישט ארויסגעגאנגען פון דארט.

דער שווער דער בעל האכסניא, האט זיך שטארק געפריידט מיט זיין געהויבענער גאסט, און זעלבסטפארשטענדליך אז ער האט געוואלט אז אויך זיין יונגער איידעם זאל זיך באקענען מיטן הייליגן רבי'ן, נאר וויבאלד דער בית הלוי האט זיך אויסגענומען מיט אים אז ער וועט גארנישט רעדן מיט אים אין די ענינים פון עבודה און חסידות, נאר ער וועט אים לאזן דינען דעם אויבערשטן אויף זיין אייגענעם שטייגער, דעריבער האט ער נישט געוואוסט וואס צו טון.

זייענדיג א קלוגער איד, האט ער זיך אן עצה געגעבן, לייגנדיג די פעקלעך פונעם רבי'ן אינעם זעלבן צימער ווי דער בית הלוי האט געלערנט, ערקלערנדיג אז ער טוט דאס וועלנדיג אז עס זאל נישט שטערן פאר די פילע חסידים וועלכע פולן אן דעם הויז...

און ווען דער רבי האט געדארפט האבן עפעס א חפץ וואס איז געלעגן אין איינס פון זיינע פעקלעך, האט דער בעל הבית אים געוויזן וואו עס געפינט זיך, און דער רבי איז דארט אריינגעגאנגען נעמען דער זאך וואס ער האט געדארפט.

אריינקומענדיג דארט אינעם צימער, האט ער געזען א געוואלדיגער ליכטיגקייט וואס שיינט פונעם יונגער יונגערמאן וועלכער זיצט און לערנט **שולחן ערוך אורח חיים** מיט א געוואלדיגע התמדה, און האט איבערהויפט נישט באמערקט אז איינער איז אריינגעקומען אין זיין צימער!

דער רבי האט זיך דערנענטערט צו זיין טיש, און ווי נאר דער יונגערמאן האט אים געזען האט ער זיך גלייך אויפגעהויבן מְלֹא קוֹמָתוֹ און גענומען שלום פונעם צדיק. אין אנהייב האט זיך דער רבי אריינגעלאזט מיט אים אין א שמועס איבער דער ענין פון זיין לערנען, און זעענדיג אז ער לערנט 'שולחן ערוך אורח חיים' האט ער אים געפרעגט מיט א שמייכל: "נו, איך זע אז דו האלטסט שוין טיף אינמיטן דעם ספר, און וואס וועט זיין מיטן ערשטן סְעִיף (סימן א' סעיף א') פון "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" (תהלים טז, ח), ביסטו דאס מקיים אזוי ווי עס דארף צו זיין?

דער בית הלוי, וועלכער איז באוואוסט געווען מיט זיין געוואלדיגע חריפות און קלוגשאפט, האט געענטפערט דעם רבי'ן ווי פאלגנד: איך וועל זאגן פארן רבי'ן דעם אמת, אז דא

אין דעם סעיף איז דא א קשיא וואס שטערט מיר זייער שטארק, ווייל דער הייליגער **רמ"א** שרייבט דארט אזוי: "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד הוּא כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה וכו', שֶׁכַּאֲשֶׁר יָשִׂים הָאָדָם אֶל לִבּוֹ, שֶׁהַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל הקב"ה אֲשֶׁר מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ עוֹמֵד עָלָיו וְרוֹאֶה בְּמַעֲשָׂיו, **מִיַּד יַגִּיעַ אֵלָיו הַיִּרְאָה וְהַהַכְנָעָה** בְּפַחַד השי"ת וּבוֹשְׁתּוֹ מִמֶּנּוּ תָּמִיד", עכ"ל.

איך האב אסאך געטראכט און זיך מתבונן געווען אין די אויבנדערמאנטע ווערטער פון דער הייליגער רמ"א, אז דער גאנצער וועלט איז פול מיטן כבוד און פראכט פונעם הייליגן באשעפער, און איך פארשטיי נישט פארוואס איז נישט מקוים געווארן ביי מיר די קלארע הבטחה פון דער הייליגער רמ"א, אז עס וועט גלייך אנקומען די פארכט און אונטערטעניגונג מיטן ציטערניש פון השי"ת, און איך האב נישט זוכה געווען דערצו!

דער הייליגער רבי האט שטארק הנאה געהאט פון זיין פראגע, וועלכע האט געטראגן מיט זיך דעם גוטן טעם פונעם מְבַקֵּשׁ הָאֱמֶת. גלייך האט אים דער רבי געוויזן אז מען דארף גוט מדייק זיין אינעם לשון פון דער הייליגער רמ"א זצוק"ל, באטאנענדיג: "**כַּאֲשֶׁר יָשִׂים הָאָדָם אֶל לִבּוֹ**", און ער האט נישט געשריבן אז אויב מען וועט טראכטן אינעם קאפ און מיטן שכל און מח, נאר 'אֶל לִבּוֹ' – מיטן הארץ! דאס איז אן אנדער עבודה אינגאנצן, האט דער רבי ערקלערט, דאס איז די עבודת הלב! אז מען זאל פילן בחוש, אז מען שטייט פארן אויבערשטן כביכול אליין, און נישט בלויז מיטן עבודה פונעם מח!

אט דער ענטפער איז געגאנגען ביז צום פינטל, און האט בארואיגט דעם בית הלוי. יארן ארום פלעגט ער נאך איבער'חזר'ן די הייליגע ווערטער פונעם צדיק, און צו די חסידים פונעם הייליגן קאברינער פלעגט ער זאגן אז זייער רבי האט אים באלויכטן די אויגן, און אים געוויזן דעם ריכטיגן וועג.

[אמר הכותב: דא איז פאסיג צו באמערקן און צוגעבן דאס וואס דער **שולחן ערוך הרב** (או"ח מהדו"ת סי' א' ס"ה) שרייבט ווי פאלגנד: "וְאִם לֹא יַגִּיעַ אֵלָיו מִיָּד, יַעֲמִיק הַרְבֵּה בְּעִנְיָן זֶה עַד שֶׁיַּגִּיעַ אֵלָיו. וְגַם יָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו, שֶׁהֵם הַמּוֹנְעִים מֵהַגִּיעַ אֵלָיו הַיִּרְאָה, כמ"ש (ישעיה נט, ב) עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים וגו'" עכ"ל].

•••

אין א געלעגנהייט, האט הרב הקדוש **רבי משה קאברינער זיע"א** געזאגט, אז ער שעמט זיך זייער שטארק דערמיט וואס משיח איז נאכנישט געקומען אין זיין דור!

נאך האט ער געזאגט, אז ער איז מעיד אויף זיך, אז ער האט קיינמאל נישט עובר געווען אויף א מִצְוַת 'לא תעשה', אבער אויף א 'מצות עשה' – ווער ווייסט וויפיל פְּנִיּוֹת ער האט געהאט אינדערצייט פון מקיים זיין די מצוה, און מיט וואספארא פנים וועט ער זיך שטעלן פארן קעניג פון דער וועלט.

•••

עס ווערט געברענגט אין נאמען פון הרב הקדוש **רבי משה מקאברין זי"ע** [איך האב עס געזען אינעם ספר **"אמרות משה"** ארויסגעגעבן דורך מיין קרוב **הגאון ר' שלמה זאלצמאן שליט"א**] אז ער האט אמאל געזאגט אויף זיך זעלבסט: "אויב וואלט איך געוואוסט אז עס וועט ארויסקומען דערפון א טובה פאר א איד, וואלט איך אפילו גרייט געווען אז מען זאל שניידן העלצער איבער מיין קאפ".

***

הרב הקדוש רבי משה קאברינער זצ"ל האט געזאגט: "א טאג וואס א מענטש טוט נישט קיין טובה פאר א איד, ווערט נישט גערעכנט פאר א טאג"!




מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173